ב"ה

אונזער היילינגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת פנחס / גליון ל"ז

טאהש

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ"ו

# להתהלך לפני אלוקים "באור החיים"

## מיט גרויס דערהויבענקייט איז געפראוועט געווארן די יומה דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש האור החיים הקדוש זי"ע בקרב מוסדותינו הקדושים

כידוע לכל דאס התקשרות פון רבינו הקדוש זי"ע צום הייליג'ן אור החיים הקדוש זי"ע איז געוועהן אין לשער, די גאנצע קהילה האט רבינו הקדוש אוועק געשטעלט על שם פונעם הייליג'ן צדיק קהל אור החיים ד'טאהש. דערפאר איז די פארגאנגענעם דינסטאג בעצם יומה דהילולא פונעם הייליג'ן אור החיים הקדוש געפראוועט געווארן גאר דערהויבן בין כותלי מוסדותינו הק'.

אנגעפאנגען האט זיך עס שוין גלייך ביים אנקומען אינדערפרי האט די חשובע סגן מנהל פארציילט ביי פרישטאג מעשות פונעם הייליג'ן צדיק, און ארום גערעדט וויאזוי מיר יונגלעך וואס לערנען אין די טאהש'ע חדר, וואס אלעס דא ווערט געפירט על דעת פונעם הייליג'ן בעל הילולא דארפן אויסנוצן דעם היינטיג'ן גרויס'ן טאג.

דערנאך זענען די לעכטיגע קינדערלעך אריין און די קלאס צומער'ן ווי מען האט געלערנט און געדאווענט און אויס גענוצט די טאג ווי עס דארף צו זיין.

די לעכטיגע קינדער פון כתה ב' האבן געהאט די זכי' אז די מלמד שליט"א האט געלערנט מיט זיי א שטיקל פון די הייליגע ספר אור החיים הקדוש ווי עס איז איינגעפירט בעצם יומה דהילולא פון א צדיק צו לערנען א שטיקל פון זיין ספר, אז עס נזאל זיין שפתותיו דובבות בקבר ווי די הייליגע ספרים הקדושים ברענגען. און גלייכצייטיג האבן זיי זיך אנגעגרייט עס צו קענען נאכזאגן ביי די סעודה די וואך שבת אינדערהיים.

> **מטעם הנהלת מוסדותינו הקדושים האט מען געהאט די זכי' צו האבן א שליח מיוחד ביים ציון הקדוש אויפ'ן הר הזיתים בעצם יומה דהילולא קדישא.**
>
> פאר לענגערע שעה'ן נאכאנאנד האט די שליח מיוחד אויס געזאגט גאנץ זספר תהילים און אינזין געהאט די לעכטיגע קינדערלעך פון מוסדותינו הקדושים אז זיי זאלן ווייטער קענען שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.
>
> **ובפרט האט די שליח מיוחד איינגעריסן וועלטן בהאי יומא רבה פאר די אלע חשובע נגידים ותומכים וואס לאזן זיך קאסטן שווערע געלטער למען מוסדותינו הקדושים א גאנץ יאר די שליח האט מזכיר געוועהן יעדע נאמען באזונדער מיט אלע בקשות.**
>
> עס איז צום האפן אז מען זאל האבן געפויעלט אלעס גוט'ס ישועות און רפואות לנו ולכל ישראל אמן.

די הויעכפונקט איז געוועהן ביי לאנטש ווען די לעכטיגע קינדער האבן זיך שיין צוגעהערט צו די מעשות וואס די חשובע מלמדים פארציילן, אוןביידע מלמדים האבן פארציילט ווינדערליכע מעשות וואס האט פאסירט מיט זיי בזכותו הגדול פון די הייליגע אור החיים הקדוש זי"ע, נאכדעם וואס זיי לערנען יעד'ן טאג א שטיקל פון זיין הייליגע ספר. וואס די קינדער האבן געשלינגען מיט גרויס דארשט.

**עס איז צום האפן אז נאכדעם וואס מען האט אויסגענוצט די גרויסע טאג אזוי ווי עס דארף צו זיין זאלן מיר בזכות פון די הייליגע צדיק רבינו האור החיים הקדוש זי"ע זיין געבענטשט מיט אלע גוטע ברכות און השפעות טובות און מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך נחת פון די לעכטיגע קינדערלעך וויאזוי זיי שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.**

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**
**אויף טעלעפאן נומבער (845) 662 8093**

# ואלה שמות

אלו שמות הנדבנים שנדבו זכות פרנס היום במוסדותינו הקדושים
למען החזקת מוסדותינו הקדושים

## פרנס השבוע

נתנדב ע"י ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו
**הרה"ח המפואר ר' אהרן קרויס שליט"א**
מראשי קהילתינו הק'

לע"נ אביו
הרה"ח ר' יוסף שמואל ב"ר אהרן ז"ל
יארצייט י"ב תמוז

**יום ה' פרשת פנחס**
נתנדב ע"י מוה"ר
יואל משה
מאלח הי"ו
לרגל שמחת
הולדת בנו למז"ט

**יום עש"ק פרשת פנחס**
נתנדב ע"י מוה"ר
משה סג"ל
קרויס הי"ו
לרגל שמחת
אירוסי בתו למז"ט

**יום א' פרשת מטו"מ**
נתנדב ע"י
הרה"ח ר'
פנחס אהרן
קופפערשטיין
שליט"א
לכבודו של נכדו הילד
החשוב כמר ישכר דוב
קעלנער נ"י

**יום ב' פרשת מטו"מ**
נתנדב ע"י מוה"ר
אלי' מאיר
גאלדבערגער
הי"ו
לרגל שמחת
הולדת בתו למז"ט

**יום ג' פרשת מטו"מ**
נתנדב מוה"ר
שלמה זאב
וועזעל הי"ו
לרגל שמחת
אירוסי בתו למז"ט

**יום ד' פרשת מטו"מ**
נתנדב ע"י
הרה"ח ר' חיים
מרדכי וועזעל
שליט"א
לרגל שמחת אירוסי
נכדתו למז"ט

**ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן ובזכות רבינו הקדוש זי"ע שהמוסדות נקראת על שמו**
**ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה**

צו מנדב זיין א פרנס היום ביטע זיך פארבינדן מיט'ן שליח המוסדות אויף טעלעפאן נאמבער 845 662 8093

## בילדער פון די לעבעדיגע קינדערלעך

די וואך האט די מלמד אויס געשפילט
די מעשה פון אליהו בהר הכרמל







## ברוכים הבאים

פאר די לעבעדיגע קינדער וואס זענען אריינגעקומען לערנען און אונזער תלמוד תורה
**הילד החשוב כמר אהרן קרויס נ"י – כתה ב'**
און פאר די לעבעדיגע קינדער וואס זענען געקומען לערנען מיט אונז פאר די זומער
**הילד החשוב כמר אהרן צבי ווייכברויט נ"י – כתה ב'**
**הילד החשוב כמר זלמן לייב גראס נ"י – כתה ב'**
**הילד החשוב כמר יוסף ווייכברויט נ"י – כתה א'**
**הילד החשוב כמר מרדכי ווייכברויט נ"י - נורסערי**

## ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו הנגיד הנכבד
**הרב משולם זלמן בעק שליט"א**
מחשובי הורי מסודותינו הקדושים
ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל שמחת אירוסי בתו למז"ט**
און עקסטערע מזל טוב פאר הילד החשוב
**כמר אליעזר בעק נ"י – קינדערגארטן**
**אז זיין שוועסטער איז געווארן א כלה**

---

ולכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו
**מו"ה מאיר זילבער הי"ו**
מחשובי הורי מוסדותינו הק'
**לרגל שמחת תגלחת בנו למז"ט**
און עקסטערע מזל טוב פאר הילד החשוב
**כמר יודא זילבער נ"ו – נורסערי**
**צו זיין אפשערן למז"ט**

**אויף שמחות געזונטערהייט**

# מעשי אבות סימן לבנים

## עובדות און סיפורים פון די יארצייטן פון די וואך

דעם פארגאנגענם וואך דינסטאג ט״ו תמוז איז אויס געפאלן די גרויסע יארצייט פון די הייליגע צדיק וקדוש באקאנט אלץ ר׳ אלעזר ריישער זצוק״ל בעל משנה למלך.

ער איז געבוירן אין שטאט רודניק, בשנת תקצ״ט. צו זיין טאטן הרה״ק רבי אלימלך מרודניק זי״ע, הנקרא ר׳ אלימלך רודניקער, בן הרה״ק רבי מנחם ישכר בער מפשעווארסק זי״ע, בן הרה״ק רבי אלעזר מליזענסק זי״ע, בן הרה״ק רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק זי״ע. און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת קריינדל ע״ה, בת הנגיד וחסיד מוה״ר יצחק מרודניק ז״ל.

ער איז געווען א צדיק הדור און א איש אלקים קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א למדן נפלא און א גאון ובקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, דער צדיק האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה נפלאה, אבער ער האט דאס אלס באהאלטן מיט א געוואלדיגע הסתר.

ער האט עוסק געווען בצדקה וחסד אויף א גאר געהויבענע דרגה אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון זיין רבי דער הייליגער צאנזער רב זי״ע, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט אוועק געגעבן יעדע פרוטה ממש פאר צדקה, אויך איז דער צדיק געווענגאר גרויס אין מידת השמחה, און צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, אז ווען מען איז נאר אריין געקומען צו דעם צדיק, איז מען געווארן בשמחה, ווייל דער צדיק איז געווען א אוצר מלא שמחה.

ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות, ממש חד בדרא, ובפרט אין עניני רפואה איז דער צדיק געווען גאר גרויס, טויזענטער אידן האבן געזען מופתים ביי דעם צדיק ממש חוץ לדרך הטבע, צדיקי הדור האבן כסדר געשיקט אידן פאר ישועות צו דעם צדיק, און אידן זענען ארויס מיט גרויסע ישועות פון זיין שטוב, אבער דער צדיק האט דאס אלעס מסתר געווען כאילו ער האט גארנישט געטון, דער צדיק האט באמת געהאלטן, אז ער איז דער ערגסטער איד בדורו און כסדר געזאגט, אז ער איז מלא חטאים ופשעים.

בשנת תר״ט ווען דער צדיק איז געווען 10 יאר אלט, האט זיך זיין הייליגע טאטע רבי אלימלך מרודניק זי״ע אוועק געצויגען צום שטאט סאקלוב, און ליידער י״ט טבת בשנת תר״ט אפאר חדשים נאכן זיך אהין ציען, איז דער טאטע נסתלק געווארן, און איבער געלאזט דעם יונגען אלעזר אלס א יתום, און אפאר חדשים שפעטער האט ער אויך פארלוירן זיין מאמע הצדקת מרת קריינדל ע״ה, בלייבענדיג א קאלעכיגער יתום.

דאן האט דער צדיק הרה״ק רבי דוד שפירא בעל צמח דוד מדינוב זי״ע, וואס האט מרגיש געווען דעם גדלות און קדושה פון דעם יתום אלעזר, אים אריין גענומען צו זיך אין שטוב, און דער צדיק רבי דוד האט דעם יתום אויף געצויגען ווי א אייגען קינד, דאן האט דער קינד זוכה געווען צו מקבל זיין גאר אסאך תורה און עבודת השם פון דעם צדיק מדינוב, און ער האט זיך אין אים מדבק געווען מיט א געוואלדיגע קשר.
הרה״ח רבי זעליג בלייכפלד מדובעצק ע״ה דערציילט, איבער דעם גדלות און די השגה וואס דער קינד אלעזר האט שוין דאן געהאט, דערציילט רבי זעליג, אז ווען דער קינד איז אנגעקומען קיין דינוב, האט אים רבי דוד׳ל געזאגט, עס איז דא א חשובע גאסט, אפשר געסטו פאר דעם גאסט א שיינע נתינה, האט דער קינד געזאגט, אז ער האט נישט קיין פרוטה מיט זיך, האט רבי דוד׳ל געבעטן, אז ער זאל זיכן און אפשר וועט ער טרעפן.

האט דאס קינד אויפגעמאכט זיין העמד, און דער קינד האט געוויזן אויף זיין הייליג הארץ און געזאגט, ״אדרבה זיכט ביי מיר, דאס איינציגסטע וואס איך האב איז ליידער חטאים עוונות ופשעים,״ ווען רבי דוד׳ל האט געהערט די ריינע ווערטער פונעם קליינעם יתום, איז ער זייער נתרגש געווארן און האט ער זיך אנגעריפן, ״אה וואר גאר א שיינע קינד האט דער רבי אלימלך מרודניק זי״ע איבער געלאזט״.

בערך א יאר שפעטער איז דער קינד דער צדיק רב אלעזר אריבער צום שטוב פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי״ע, וואס די טאטע רבי אלימלך מרודניק זי״ע האט בעפאר זיין פטירה געבעטן פונעם צאנזער רב, אז ער זאל ערציען זיין הייליגע זון אלעזר, און ער האט צו געזאגט, אז ער וועט צוריק קומען צו די חתונה פונעם קינד, דער הייליגער דברי חיים האט ארויס געוויזן א גרויסע חביבות צום קינד אלעזר, דער הייליגער דברי חיים האט אפילו קובע געווען א צייט, ווען ער האט יעדן טאג געלערנט א שיעור מיטן קינד אלעזר.

ווערט דערציילט, אז דאס חביבות איז געווען אזוי גרויס, אז ווען עס האט זיך אמאל געמאכט צייטן, וואס די אייגענע קינדער האבן זיך נישט געטרויט אריין צו גיין צום טאטן דער צאנזער רב זי״ע, האבן די קינדער פונעם הייליגען דברי חיים, אריין געשיקט דעם קינד רבי אלעזר צום דברי חיים, וויסענדיג אז די טאטע וועט אויף אים נישט האבן קיין הקפדה.

בעיקר איז געווען דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי״ע מפורסם מיט זיין גרויסע כח הרפואה, וואס אויף דעם האבן מעיד געוועהן כמה צדיקים, אז זיין כח הרפואה איז אין בדומה, ער פלעגט שרייבן רעצעפטן, אבער דער שינאווא רב פלעגט זאגן, אז נישט די רעצעפטן היילט, נאר די תפלות, ווי אויך ר׳ אלעזר פלעגט זאגן, אז ער גיבט נישט קיין רעצעפט, נאר ווען ער ווייסט די מאמע׳ס נאמען, דער הייליגער צדיק רבי ברוך׳ל גארליצער זי״ע פלעגט אים רופן, ״דער ריישא׳ער דאקטער״.

הרה״ק רבי אלעזר ריישער זי״ע פלעגט טייטשן, אז א איד דארף א רפואה, איז קודם בורא רפואות, מ׳גייט צו א דאקטער, דערנאך אז דער דאקטער העלפט נישט, נורא תהילות, זאגט מען תהלים, און אז ס׳איז נאך אלץ נישטא קיין ישועה, אדון הנפלאות, פראוועט מען א מופת׳ל.

אמאל אינמיטן טיש ביים צדיק רבי אלעזר ריישער זי״ע, איז געווארן א גרודער, א איד איז צוזאמען געפאלן, ר׳ אלעזר האט געפרעגט וואס איז די רעש אז איך בין דא, און ווי נאר ער האט געזאגט די ווערטער, האט זיך דער איד אויף געשטעלט, האט ר׳ אלעזר געזאגט ווענלדיג משתיק זיין דער מופת, אז איך בין דא קען ער נישט שטארבן.

א פרוי איז אריין געקומען וויינען אז איר מאן איז זייער קראנק, האט ר׳ אלעזר געענטפערט כדרכו, דיין מאן גייט שטארבן, די פרוי האט אנגעהויבן נאך מער צו וויינען מיט יללות, האט ר׳ אלעזר געזאגט, איך האב דען געזאגט אז ער גייט שוין שטארבן, ער וועט לעבן, און צום סוף וועט ער שטארבן ווי יעדער מענטש, כך הוה דער איד איז געזונט געווארן און מאריך ימים געווען

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו**

מזלא טבא     גדיא יאה

## יתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות

ברגשי גיל וחדוה, ובאותות אהבה וחיבה, משגרים אנו את ברכותינו החמות והלבביות, למעלת כבוד ידידינו עז, היקר והחשוב הנכבד והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, צנתרא דדהבא, מרגניתא טבא, משליך נפשו מנגד לטובת מוסדותינו הקדושים, יקר רוח נדובה ורב תבונות, איש האשכולות, נוח לשמים ולבריות, שמו הטוב משבחים ומפארים, בהילולים ותוארים, כש״ת ה״ה

ידידי״ע עוז הרבני הנגיד הנכבד והמפואר

הרב

# משולם זלמן בעק

שליט״א

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

ומגדולי תומכי מוסדותינו הק׳

## לרגל שמחת אירוסי בתו למז״ט

עב״ג החתן המופלג בתויר״ש כמר מנשה שליט״א

בן הגה״צ ר׳ חיים אלי׳ פאללאק שליט״א אב״ד דובענקא

**ובהאי שעתא שפתינו לא נכלא רב תודה על נדבותיו הטוב**

**ברוח נדובה לטובת מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה**

ואנו תפלה לנורא עלילה, הרחמן הוא יברך אותו שיזכו לרוות מכל יוצ״ח מלא חפנים נחת, ולראות בנים ובני בנים נטעי נאמנים, והי׳ כעץ שתול על פלגי מים, וכל אשר יעשה יצליח, וימלא ה׳ כל משאלות לבו לטובה, להתברך בברכה משולשת בתורה, עדי יעמוד הכהן לאורים, כביאת משיח הולך תמים בעגלא ובזמן קריב אמן,

*המברכים מתוך אהבה וחיבה: הנהלת המוסדות*

# הרתודה והברכה

## הגליון בשבוע זו נתנדב ע״י

ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו

## מו״ה יעקב צבי פרושינובסקי הי״ו

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

## לע״נ זקינו הרה״ח ר׳ יוסף בן שמואל זאנוויל ז״ל (פרושינובסקי)

יארצייט חל ביום ה׳ הבעל״ט כ״ג תמוז

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן

ימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

# מזמור לתודה

*בענדיג אחרי המעמדים הגדולים בקרב מוסדותינו הקדושים ביום א שלח העעל"ע חובה נעימה היא להודות להלל ולהביע עושר לתודה לכל הני אנשי שם הנקובים בשמם שעזרו וסייעו בלב ובנפש ובמסירות יתירה.*

## מלך ביפיו תחזינה עיניך

משמשא דליבאה כעבדה כמה נרא נביע תודתינו אל מול פני הקודש אבינו רועינו

### הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא מוסדותינו

אשר בשלשולא דגברא רבה הפריש מזמנו ובא מהתם להתא למען בית הגדול שמגדלים בו תורה תחת דגלו והדרכתו ונשיאתו

## בראש וראשון ביקרא דאורייתא

נביע תודתינו אל פני הרב הגאון המפורסים ממוד בלב ובנפש למען הצלחת מוסדותינו הק'

### הגאון הצדיק דומ"ץ דקהילתינו שליט"א

שדרש אצל המעמד המרומם ברכותיו הנעימים להצלחת המעמד

## תודה מיוחדת

אל מול העוסקי במלאכת הקודש
נאמני בית כ"ק מרן רבינו שליט"א

### ובפרט להרב ראובן מנחם שווארטץ שליט"א משב"ק

### והרב אליעזר צבי פישער שליט"א משב"ק

שעמדו לימינינו במשך המעמד בנאמנות יתירה

## ר' מאיר אומר

בלב מלא תודה נביע אל האי גברא רבה פה מפיק מרגליות
הרב מאיר מרדכי בערקאוויטש שליט"א
שניהל כל המעמד בכשרותיו הטובים

## צידה בדרך אברך

תודתינו נביע להני תרי עסקנים החשובים שעומדים לימינינו במשך כל המעמד ובפרט בהכנת כל המעמד

### מו"ה רפאל יצחק מעהרינג הי"ו

### RY CATERING

### מו"ה וואלף גרינבוים הי"ו

## הפעם אודה

מעומק ליבינו אנו צריכים להודות הני עסקנים החשובים חברי הנהלת מוסדותינו הק' העומדים תמיד במסירות נפלאה בראש מוסדותינו במשך כל השנה ובפרט למען המסיבה הנהדרה
הלא המה

### העסקן מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו מנב"ל

### העסקן מו"ה יצחק אייזיק זאפיר הי"ו

### העסקן מו"ה משה שמעון מאגדל הי"ו

### העסקן מו"ה אליעזר קרויס הי"ו שליח מוסדותינו

שעמדו בראש כל המעמד מרישא עד סייפא במסירות נפלאה

## בכל ביתי נאמן הוא

מחויבים אנו להביע הכרת הטוב להאי גברא יקירא איש המעש ורב פעלים בסבר פנים יפות מסור בלב ובנפש למען קיום והצלחת מוסדותינו הקדושים

### מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו

מנאמני בית כ"ק מרן רבינו שליט"א

שעמד לנו לעזר ולסיוע למען הצלחת המעמד ומעשיו הטובים
עושים פירות
מנאמני בית כ"ק מרן רבינו שליט"א

## אחרון אחרון חביב

הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה
נביע תודתינו אל מול ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו
הרבני הנגיד הנכבד המרומם

### מו"ה ר' דניאל הלל פיליפסון הי"ו וב"ב

מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים
שזכה שביתו יהא אכסני' של תורה לערוך המסיבה הנהדרה
וגם צריכים להודות לבניו וחתניו שעמדו לימינינו במשך כל המעמד

מו"ה אברהם שמואל פיליפסון הי"ו

מו"ה אליעזר פיליפסון הי"ו

מו"ה שמואל אברהם וויס הי"ו

מו"ה אהרן ריינער הי"ו

מו"ה מאיר יצחק פישער הי"ו

*ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלימה מעם ה' אלוקי ישראל. ועוד רבות בשנים יזכו לעמוד על משמרתם מתוך רב תענוג ונחת והרחבת הדעת וכל מילי דמיטב וזכות הקודש של רבינו הקדוש זיע"א ליום תמיד. עדי נזכה כולנו יחד במהרה לאורו של משיח צדקנו ויגאלנו בראשינו בב"א*